**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/28/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט היסטארישע סטעיט פינאנצירונג פאר יאנקערס סקולס**

***פיסקאלע יאר 2023 בודזשעט שטעלט צו פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר שילער/ינס און לערער/ינס***

***היסטארישע פלאן רעכנט אריין רעקארד פון 31.5 ביליאן דאלאר אין סך הכל סקול הילף איבערן סטעיט פאר סקול יאר 2023 — העכסטע שטאפל פון סטעיט הילף אין היסטאריע***

***רעקארד 360.1 מיליאן דאלאר אין סטעיט הילף פאר יאנקערס סיטי סקולס אין 2022-2023***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט היסטארישע סטעיט פינאנצירונג פאר יאנקערס סקולס פאר די 2022-2023 סקול יאר. די הילף איז טייל פון גאווערנער האקול'ס [פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג](#) אין עדזשוקעישען אין די פיסקאלע יאר 2023 סטעיט בודזשעט. די אינוועסטירונגען רעכענען אריין א סקול הילף העכערונג איבערן סטעיט פון 2.1 ביליאן דאלאר, אריינרעכענענדיג א 1.5 ביליאן דאלארדיגע העכערונג אין פאונדעישען הילף (Foundation Aid) און א 125 מיליאן דאלארדיגע העכערונג אין פרי-קינדערגארטן פאר פיר יעריגע קינדער. אין צוגאב שטעלט די בודזשעט צו 100 מיליאן דאלאר אין מעטשינג פאנדס צו צושטעלן אקאדעמישע און גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר שילער/ינס און מחנכים/ות.

"אונזער פיסקאלע יאר 2023 סטעיט בודזשעט רעכנט אריין א היסטארישע אינוועסטירונג וואס וועט פארבעסערן מענטשן'ס לעבנס יעצט און פאר פילע קומענדיגע יארן, אריינרעכענענדיג א רעקארד אינוועסטירונג אין אונזערע פובליק סקולס — די גרעסטע אין די סטעיט'ס היסטאריע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די קאוויד-19 פאנדעמיע איז געווען אן אומבאגרייפליכע ערפארונג ארויפגעצווינגען אויף אונזערע לערער/ינס און שילער/ינס, אבער זיי זענען אויפגעשטאנען און זיך פארמאסטן דערמיט. עס איז יעצט אונזער פאראנטווארטליכקייט צו פארזיכערן אז זיי האבן די שטיצע זיך צוריקצוקערן צום נארמאלן וועג, זיך ערהוילן און בליהען, און איך באדאנק מאיאריטעט פירערין סטוּארט-קאזינס פאר איר מיטארבעט אויף די בודזשעט וואס לאזט ארויס די מאכט פון ניו יארק'ס עדזשוקעישען סיסטעם."

**סטעיט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוּארט-קאָזינס האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ אז מיר זעצן פאר צו בויען אויף די באמיאונגען וואס איך האב געהאלפן פירן די פאראגאנגענע יארן צו פולשטענדיג פינאנצירן אונזערע סקולס כדי אז יעדער ניו יארקער שילער – אפגעזעהן פון זיפ קאָוד אדער סקול דיסטריקט – זאל האבן צוטריט צו א הויכע-קוואליטעט עדזשוקעישען. אין די פאראגאנגענע בודזשעט איז עס וויכטיג געווען אז די באמיאונגען זענען פאראויס געשטופט געווארן צוזאמען מיט גאווערנער האקול, סענאט עדזשוקעישען טשעיר שעלי מעיער, די דעמאקראטישע סענאט מאיאריטעט און אונזערע שותפים אין די אסעמבלי. ארבעטנדיג צוזאמען האבן מיר געקענט אהיימברענגען די היסטארישע שטאפלען פון פינאנצירונג פאר אונזערע שילער/ינס אין יאנקערס און אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. די וויכטיגע

אינוועסטירונגען אין שילער/ינס פון דאס וויגבעטל ביז קאלעדזש וועט פארזיכערן א ליכטיגע וועג אויף פאראויס פאר ניו יארק."

די פיסקאלע יאר 2023 סטעיט בודזשעט שטעלט צו 360.1 מיליאן דאלאר אין סטעיט הילף פאר יאנקערס סיטי סקולס אין 2022-2023 — א העכערונג פון 25.5 מיליאן דאלאר, אדער 7.6 פראצענט, אין לויף פון די פארגאנגענע סקול יאר. דאס רעכנט אריין 2022-23 פאונדעישען הילף פון 246.7 מיליאן דאלאר, א העכערונג פון יאר צו יאר פון 12.7 מיליאן דאלאר אדער 5.4 פראצענט. די יאנקערס סיטי סקול דיסטריקט באקומט אויך 19.6 מיליאן דאלאר אין VLT הילף און נאך 12 מיליאן דאלאר אין די SED בודזשעט.

די בודזשעט העכערט סקול הילף אין די מיד-האדסאן ראיאן מיט 358.7 מיליאן דאלאר, אדער 13.0 פראצענט, אריינרעכנענדיג א 267.3 מיליאן דאלארדיגע, אדער 15.0 פראצענטיגע, העכערונג אין פאונדעישען הילף. די העכערונג איז הויפטזעכליך געטריבן דורך די צווייטע יאר פון די דריי יאריגע צוביסליכע אריינקום פון די פינאנצירונג פון די פאַונדעישען הילף פלאן.

עדזשוקעישען אינוועסטירונגען אין די פיסקאלע יאר 2023 סטעיט בודזשעט רעכענען אריין:

**<u>היסטארישע עדזשוקעישען פינאנצירונג</u>**

די סטעיט בודזשעט שפיגלט אפ גאווערנער האקול'ס פעסטע איבערגעגעבנקייט צו עדזשוקעישען דורכן צושטעלן נאך פינאנצירונג און סערוויסעס צו נאכקומען די באדערפענישן פון שילער/ינס, לערער/ינס און סקולס דורכאויס די פאנדעמיע. די בודזשעט שטעלט צו 31.5 ביליאן דאלאר אין סך הכל סקול הילף פאר סקול יאר 2023, די העכסטע שטאפל פון סטעיט הילף אין די היסטאריע. די אינוועסטירונג קומט מיט א העכערונג פון יאר צו יאר פון 2.1 ביליאן דאלאר, אדער 7.2 פראצענט, אין פארגלייך צו סקול יאר 2022, אריינרעכנענדיג א 1.5 ביליאן דאלארדיגע, אדער 7.7 פראצענטיגע, פאונדעישען הילף העכערונג, זייענדיג די צווייטע יאר פון גאווערנער האקול'ס דריי-יאריגע פארפליכטונג צו פולשטענדיג פינאנצירן פאונדעישען הילף.

**<u>פרי-קינדערגארטן פאר יעדן</u>**

די דורכגעפירטע בודזשעט העכערט די סטעיט'ס יערליכע אינוועסטירונג אין הויכע-קוואליטעט פרי-קינדערגארטן צו 1.1 ביליאן דאלאר, א העכערונג פון 125 מיליאן דאלאר, אדער 13 פראצענט. מיט די פינאנצירונג וועלן סקול דיסטריקטס קענען צושטעלן צוטריט צו הויכע-קוואליטעט פרי-קינדערגארטן פאר די פולע טאג אריבער די סטעיט פאר בערך 17,500 נאך פיר יעריגע קינדער.

**<u>אקאדעמישע און גייסטישע געזונטהייט שטיצע</u>**

די סטעיט בודזשעט רעכנט אריין א סך הכל פון 100 מיליאן דאלאר אין מעטשינג פאנדס איבער צוויי יאר צו צוגעשטעלט ווערן פאר סקול דיסטריקטס און BOCES מיט די העכסטע באדערפענישן צו אדרעסירן שילער/ינס וואוילזיין און דאס פארפאסן לערנען אין אפרוף צו די טראומע אנגעברענגט דורך די קאוויד-19 פאנדעמיע. דאס רעכנט אריין שטיצע פאר א פארלענגערטע סקול טאג אדער סקול יאר פראגראמען, עפטער-סקול פראגראמען, גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן און אנדערע לאקאל-באשטימטע אונטערנעמונגען.

**<u>אויפנעמען און אנהאלטן לערער/ינס</u>**

די בודזשעט רעכנט אריין פינאנצירונג פאר נייע אונטערנעמונגען קאנצעטרירט ארום דאס פארברייטערן די ארבעט'ס קראפט פון לערער/ינס, און אזוי אויך פארברייטערן די וועגן אין וועלכע פראפעסיאנאלן אין אנדערע פעלדער קענען ווערן לערער/ינס.

דער בודזשעט שאפט א סטעיט לערער וואוינונג פראגראם פריער ארײַנצוברענגען מער לערער אין סקולס און גלייכצייטיג צושטעלן מער מעגליכקייטן פאר שטיצע און טרענירונג אזוי ווי זיי לאזן זיך אין וועג אויף זייערע קאריערעס. דער סטעיט וועט אויך פארברייטערן אלטערנאטיווע לערער סערטיפיקעישען פראגראממען, ווי צ.ב.ש. דער ניו יארק סיטי לערער פאראיין, אויף צו מאכן גרינגער און מער צוציענד פאר פראפעסיאנעלן אין אנדערע קאריערעס צו ווערן לערער. שטרעבנדע לערער וועלן ווערן סטודענט-ארבעטער אין הויכע-נויט סקול דיסטריקטן און אין דער זעלבער צייט גיין פאר א מאגיסטער דיפלאם אין זייער געביט.

דער בודזשעט אנטהאלט איניציאטיוון אויף צו הייבן איצטיגע פארא-פראפעסיאנעלן און לערער באהעלפער. עס זענען דא איבער 100,000 פארא-פראפעסיאנעלן און לערער באהעלפער אין ניו יארק סטעיט שולעס — א ציפער וואס האלט אין איין שטייגן. דער בודזשעט וועט געבן גרענטס פאר פארא-פראפעסיאנעלן וועלכע בלייבן באשעפטיגט אין א סקול דיסטריקט אויף זיך איינצושאפן א לערער דיפלאם. סקול דיסטריקטן וועלן זיין פארלאנגט צוזאמצופאָרן קאנדידאטן מיט פראפעסיאנעלע מענטארס.

אויף אונטערצוהייבן דעם ארבעטסקראפט און אדרעסירן דעם לערער מאנגל וועט דער בודזשעט צייטווייליג מוותר זיין אויפ׳ן איינקונפט מאקסימום פאר געוויסע רעטייערטע. עס זענען דא 169,000 רעטייערטע ניו יארק סטעיט לערער, פילע פון וועלכע וואלטן געקענט באשטיין צוריקצוגיין צו אויסלערנען, דורך מוותר זיין אויף דעם איצטיגן פענסיאן באגרעניצונג. פאר געוויסע רעטייערטע וועט מען אפשאפן דער $35,000 דאלערדיגער באגרעניצונג, באלוינענדיג לערער און אנדערע סקול ארבעטער זיך ווידער אנשליסן אין דעם ארבעטסקראפט.

**<u>גרינע עדזשוקעישען</u>**
אויף צו פארבעסערן לופט קוואליטעט פאר ניו יארקער קינדער אין סקול, פארלאנגט דער סטעיט בודזשעט אז אלע נייע סקול באס איינקויפונגען זאלן זיין זערא-עמיסיעס ביז 2027 און אלע סקול באסעס אויפ׳ן ראוד זאלן זיין זערא-עמיסיעס ביז 2035. דער סטעיט בודזשעט וועט צושטעלן 500 מיליאן דאלער דורך דער ענווייראנמענטאל באָנד געזעץ צו שטיצן סקול דיסטריקטן אין איינקויפן זערא-עמיסיע באסעס און פארבינדענע טשארדזשינג אינפראסטראקטור, ארײַנרעכענענדיג טשארדזשינג סטאנציעס. אין צוגאב אויטאריזירט דער סטעיט בודזשעט פאר סקול דיסטריקטן צו ליעס׳ען אדער פינאנצירן זערא-עמיסיע באסעס פאר 12 יאר, מער ווי טאפלט דער איצטיגער פינף-יעריגער באגרעניצונג פאר דיעזעל באסעס כדי צו העלפן דיסטריקטן נאכקומען דעם ציל, און פארזיכערט אז טראנספארטאציע הילף ווערט צוגעשטעלט אויף זערא-עמיסיע באסעס און פארבינדענע טשארדזשינג אינפראסטראקטור.

דער בודזשעט וועט בויען אויף גאווערנער האקול׳ס אנטשלאסנקייט צו ברענגען ענווייראנמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט צו ניו יארקער סקולס. דער ריינע גרינע סקולס איניציאטיוו אין דער ״ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאל באָנד אקט״ וועט סערווירן איבער 1,000 פובליק סקולס און בענעפיטירן באלד 1 מיליאן סטודענטן. דער פראגראם וועט טרייבן באדייטנדע אינפראסטרוקטור אפגרעיד, ווי צ.ב.ש. געאטערמאל הייצונג און קילונג, סאָלאַר ענערגיע, גרינע דעכער, און אינעווייניגע לופט קוואליטעט / אויסלופטערונג. די העכסט-נויטיגע אינוועסטירונג וועט נישט נאר הייבן דער סטעיט׳ס עקאנאמיע נאר אויך העלפן ברענגען קלימאט יוסטיץ דורך ברענגען ריינע ענערגיע און א געזונטערע אינעווייניגע ענווייראָנמענט פאר פובליק סקולס מיט נישט גענוג הילפס-מיטלען.

**סטעיט סענאטארשע שעלי ב. מעיער האט געזאגט,** "עס דערפריידט מיר אזוי שטארק אז מיר האבן א בודזשעט וואס אנערקענט די סטעיט'ס לאנגיאריגע פארפליכטונג צו פולשטענדיג פינאנצירן פאונדעישען הילף. ווען מיר האבן געזאגט אז מיר וועלן פינאנצירן אלע סקולס אפגעזעהן פון די קינדער'ס זיפ קאָודס זענען מיר געווען ערנסט. א דאנק גאווערנער קעטי האקול'ס אנטשלאסענע פירערשאפט פאר פובליק

עדזשוקעישען און מאיאריטעט פירערין סטוּוארט-קאַזינס פארן זיך עקש'נען אז די פארפליכטונג זאל מקוים ווערן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן